בעזהשי"ת

# קינדערגארטן וויקל

ארויסגעגעבן דורך:
סאטמאר קינדערגארטן - וויליאמסבורג

פרשת
וירא
שנה ד' - גליון קל"ג
עש"ק י"ד חשון תשע"ב


הדלקת הנרות
4:26
זמן מוצאי שבת
5:52
סוף זמן קרי"ש 8:33

## אויפגעשפילט די פרשה

עפעס פריש צווישן די חדר ווענט! ספעציעל פאר די קינדערגארטן כיתות ווערט אויפגעשפילט א יעדע וואך מיטוואך פארמיטאג די פרשה פון די וואך מיט עכטע פארבן. א שפיל וואס נעמט אריין די קינדער'לעך אליין דערין. **די וואך** האבן מיר געזעהן ווי אברהם אבינו (שלמה זלמן יאקאב) זיצט ביים טיר און ווארט אויף די געסט, אבער יענעם טאג זענען קיין מענטשן נישט געווען אויפן גאס השי"ת האט געמאכט ס'זאל זיין זייער הייס ווייל אברהם האט נישט גוט געפיהלט. פלוצלונג האט ער באמערקט דריי פארשטעלטע מלאכים (קינדער) קומען צו גיין, איינער ווי אן אראבער (אהרן יואל גוטמאן) און איינער ווי א סוחר (אהרן יודא'לע סופר) און איינער ווי א שיף דרייווער (העניך ברילל), אברהם אבינו איז געלאפן זיי אריין רופן צו זיין געצעלט זיי צו געבן עסן לעבן דעם בוים, מען זעצט זיך צום טיש אזוי שיין, אברהם אליינ'ס גרייט צו א פיינע סעודה, פוטער מיט צונג פלייש, מיט מאוסטערד אויפן טיש. איין מלאך היילט אויס אברהם, דער צווייטער מלאך פארציילט אז שרה וועט האבן א אינגל בעיבי! אלע קינדער האבן לעבעדיג אנגעהויבן צו זינגען סימן טוב ומזל טוב... דערנאך האבן מיר געזעהן די שטאט סדום ווי א מענטש קומט בעטן צו עסן האט מען אים ארויסגעווארפן און נישט געגעבן.

**דער שפיל קומט פאר יעדן מיטוואך פון 11:15 ביז 11:45 עס איז ראטזאם אז אלע קינדער זאלן זיין דעמאלטס אין חדר**





## אברהם אבינו'ס געצעלט ביי אונז אין חדר

מיין **רבי** האט די וואך אזוי שיין פארציילט וועגן דעם געצעלט פון אונזער זיידע אברהם אבינו אז דאס איז געווען ספעציעל אהער געשטעלט אויפצונעמען געסט און מקיים זיין די מצוה פון "**הכנסת אורחים**", ווי עס האט געהאט פיר טירן פון אלע זייטן א טיר אז די געסט זאלן שטענדיג אריינקומען און באקומען גוט צו עסן און טרינקען און ווען מען קומט צו אברהם אבינו'ס געצעלט דארף מען מאכן ערליך א ברכה פאר און **נאכן עסן געדענקען צו דאנקען דעם הייליגן באשעפער אויף אלעס.**




**דינסטאג:** רופט מיין רבי אויס אין חדר: קומט'ס קינדער מיר וועלן גיין זעהן דעם הכנסת אורחים געצעלט פון אברהם אבינו ווי מען וועט קענען עסן און טרינקען. מיר האבן אריין געשפאנט אינעם ספעציעלן חדר ווי מיר האבן מיר געזעהן דעם שיינעם **הכנסת אורחים געצעלט!** נאך איידער מיר זענען אריין האבן מיר באמערקט אז ביים טיר איז דא דער שיינער בוים פון אברהם אבינו'ס הויז וואס מאכט פיינע לופט נאר פאר צדיקים. מיר זענען אריין אין דעם געצעלט און זיך געזעצט צום טיש מיר האבן באקומען פיינע קַאקי'ס מיט פיינע געטראנקען מיר האבן געוויסט אז איידער מיר גייען ארויס דארף מען צו דאנקען דעם באשעפער זייער הויך און מיר האבן טאקע אזוי הויך געזאגט "**הייליגער באשעפער איך דאנק דיך זייער**"...... אזוי האבן מיר שיין פארברענגט דארטן און אביסל געזינגען מיט א דערהויבענקייט.



**מיטוואך:** זאגט מיין רבי היינט איז דא אין האלל אסאך צעטלעך אויפן וואנט ארויסגעהאנגען וואס ווייזן ווי צו גיין צום "**הכנסת אורחים געצעלט**" מיר האבן געקוקט אויף די עראו'ס וואס ווייזט ווי צו גיין אזוי זענען מיר ארום געגאנגען ביז מיר האבן שוין געטראפן דעם פלאץ אויפן נייעם דאך ביים שפיל הויף ווי עס איז געווען אנגעגרייט דער "**הכנסת אורחים געצעלט**" מיר האבן זיך גאר שטארק געפריידט און אראפגעזעצט שיין פארברענגט און זיך צוגעהערט ווי מיין רבי פארציילט פון אברהם אבינו די מצוה פון "**הכנסת אורחים**". אויך האט מען דארט פארטיילט פאר אלע געסט א "**ספעציעלע הכנסת אורחים פעקעלע**" וואס מיר האבן טאקע אליין געהאלפן נעכטן צוזאם פאקן דעם פעקל פאר אברהם אבינו מיר האבן זיך זייער גוט אויסגעלערנט ווי אזוי די מצוה פון הכנסת אורחים דארף צו זיין.



## התודה והברכה

מיר ווילן זיך טאקע יעצט באדאנקען פאר האברך היקר הרבני החשוב **ר' עזריאל מאיר קאהן הי"ו** מראשי וועד **קרן הבנין של ביהמ"ד "ברך משה" סקילמאן סט.** פארן פאר די ספעציעלע פעקלעך געבעקס פאר די הכנסת אורחים פעקעלעך. תשוח"ח לו.



**<u>וויכטיגע דערמאנונג</u>**

**אזוי ווי מען האט שוין געריקט דעם זייגער, וועט זיך די וואך אנהייבן "דער זונטאג ווינטער סקעדזשואל" די באסעם וועלן אויפנעמען די קינדער אי"ה 10:05 ביים ערשטן סטאפ. ד.מ. 45 מינוט שפעטער ווי יעדן טאג, פרישטאג זאלן די קינדער עסן אינדערהיים.**
מיט דאנק

## חכמה'לעך

**ווען שמעון'ס** מאמע האט געפרעגט ווער האט אריין געלייגט שרה אין די קאסטן האט ער געזאגט מיין רבי'...

**ווען** מען האט געפרעגט **משה'לע** פארוואס זיין שוועסטער וויינט (ער האט איר געטשעפעט) האט ער געזאגט: אז דער זיידע געטשקע האט איר געטשעפעט...

**ווען מענדל לייב'ס** גרויסע ברודער האט געציילט געלט האט ער געזאגט אז דאס איז פון די דריי זאכן וואס דער באשעפער האט צוגעזאגט פאר אברהם...

## עס וועט גוט זיין צום באנוץ

אין דעם **"הכנסת אורחים פעקל"** איז אויך געווען א גוטע **"שטאק מאפע"** וואס צייגט אן פונקטליך ווי זענען אלע כיתות. אזוי ווי דער בנין אין קע"ה שיין גרויס און ווען עלטערן קומען אריין צו א שמחה אדער צו אויפפיקן א קינד ווערט מען אפטמאל פארלוירן מען דרייט זיך ארום און מען ווייסט נישט פונקטליך ווי צו גיין. איז יעצט עכ"פ א גוטע געלעגנהייט דאס אוועקצולייגן און קענען נוצן ווען מען דארף דאס בעז"ה.

## מזל טוב ווינטשען

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**משה ב"ר יואל שעהר ני"ו**
**לכבוד זיין אפשערן**
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי ירמי' לעווי שליט"א און ר' וואלף בער שווארץ שליט"א

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**יוסף ב"ר אליקים געצל גרין ני"ו**
**לכבוד זיין אפשערן**
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי ירמי' לעווי שליט"א און ר' וואלף בער שווארץ שליט"א

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**אורי נחום ב"ר שמואל ברוך קאהן ני"ו**
**לכבוד זיין מומע איז געווארן א כלה**
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי יואל צוויבל שליט"א

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**שלמה ב"ר יואל גאטליעב ני"ו**
**לכבוד זיין פעטער איז געווארן א חתן**
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי יואל צוויבל שליט"א

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**משה ב"ר שמואל מרדכי ישראל פיש ני"ו**
**לכבוד זיין פעטער איז געווארן א חתן**
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי יואל יצחק ראטה שליט"א

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**נתן ב"ר יואל שעהר ני"ו**
**לכבוד זיין ברודערס אפשערן**
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי יואל צוויבל שליט"א

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**אברהם יצחק ב"ר יעקב מארקאוויטש נ"י**
**לכבוד זיין פעטער איז געווארן א חתן**
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי יואל געלבמאן שליט"א

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**משה דוד ב"ר יושע הערש גליק ני"ו**
**לכבוד זיין מומע איז געווארן א כלה**
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי ר' משה נח גאלדשטיין שליט"א

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**משה ב"ר שרגא גליק ני"ו**
**לכבוד זיין פעטער איז געווארן א חתן**
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי מנחם מענדל פארקאש שליט"א

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**שלמה ב"ר חיים אלי' קרויס נ"י**
**לכבוד זיין מופן אין די נייע הויז**
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי בנימין כהן שליט"א און ר' יואל שמאיע שליט"א

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**יוסף יודא ב"ר יצחק יואל גאלדבערגער נ"י**
**לכבוד זיין מומעס חתונה**
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי משה יעקב אהרן בוקסבוים שליט"א

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**יואל ב"ר יחזקאל טעללער ני"ו**
**לכבוד זיין מומעס חתונה**
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי ירמי' לעווי שליט"א און ר' וואלף בער שווארץ שליט"א

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**ברוך יודא ב"ר אברהם מתתי' קאהן נ"י**
**לכבוד זיין מומע איז געווארן א כלה**
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי ר' ברוך הורוויץ שליט"א און ר' יואל לעבאוויטש שליט"א

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**אהרן ב"ר חיים אברהם גליק נ"י**
**לכבוד זיין פעטער איז געווארן א חתן**
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי ירמי' מאיר פאגעל שליט"א און ר' שמואל ברוך קאהן שליט"א

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**יושע ב"ר ישעי' משה בערקאוויטש נ"י**
**לכבוד זיין ברודערס בר מצוה**
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי ר' בן ציון ווידער שליט"א

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**שמואל ב"ר יואל משה יאקאבאוויטש נ"י**
**לכבוד זיין פעטער'ס חתונה**
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי ר' משה נח גאלדשטיין שליט"א

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**אברהם לייב ב"ר חיים קאהן נ"י**
**לכבוד זיין שוועסטער איז געווארן א כלה**
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי ר' ברוך הורוויץ שליט"א און ר' יואל לעבאוויטש שליט"א

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**אלי' ב"ר יואל פוקס נ"י**
**לכבוד די געבורט פון זיין נייע שוועסטער**
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי אברהם בערגער שליט"א

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**רפאל דוד ב"ר קלמן אליעזר ג'ברא נ"י**
**לכבוד זיין פעטער איז געווארן א חתן**
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי יואל געלבמאן שליט"א

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**שמואל יואל ב"ר שלמה פנחס שעהנברון נ"י**
**לכבוד די געבורט פון זיין נייע שוועסטער**
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי ר' שמואל אברהם גרינפעלד שליט"א

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**חיים מאיר ב"ר שלמה יואל מאשקאוויטש נ"י**
**לכבוד די געבורט פון זיין נייע שוועסטער**
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי יואל יצחק ראטה שליט"א

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**יחיאל ב"ר יואל כ"ץ נ"י**
**לכבוד די געבורט פון זיין נייע שוועסטער**
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי משה יעקב אהרן בוקסבוים שליט"א

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**דוד ב"ר משה ברוך כלב ענגלענדער נ"י**
**לכבוד זיין מומעס חתונה**
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי יואל יצחק ראטה שליט"א

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**אשר אפרים ב"ר חיים אלי' קרויס נ"י**
**לכבוד זיין מופן אין די נייע הויז**
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי רבי בנימין כהן שליט"א און ר' יואל שמאיע שליט"א

**צו מעלדן אייער שמחה שיקט מיט אייער קינד א צעטל צום מלמד**